Radomer-Kielcer Leben" [406) 16 "Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" IX-ער יאהרגאנג 25 גראשען פרייז
Radom, dnia 15 Kwietnia 1932 r.
ראדאם, פרייטאג ט׳ ניסן תרצ״ב

# ראדאמער-קעלצער לעבען


די בעריהמטע צוקערניע

## זילבערשטרום

פון רוויינסקא 19
עפענט ספעציעל אויף יום-טוב
א צוקערניע אויף
לובלינער 25 (פראנט)
גרויסע אויסוואהל פון די פערשידענ-
סטע סארטימענטען פון די פיינסטע
און געשמאקסטע אויסארבייטונגען
געדענקט דעם אדרעס:
רוויינסקא 19 און לובלינער 25

כשר לפסח | כשר לפסח

## ווײַן, מעד, י״ש, כרמל

די לאנג עגזיסטירענדע פירמע
„ירמיה ראזענבערג" (וואלאווע 21)
איז פערזעהן אויפ'ן קומענדען פסח מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע
ווײַנען אויסלענדישע און אינלענדישע
מעד, י״ש 96° ווי אויך כרמל.
די רעעלקייט און כשרות פון דער פירמע איז אלעמן בעקאנט.
דעריבער קויפט נאר
## בײַ ירמיה ראזענבערג וואלאווא 21
קאנקורענץ פרײַזען | קאנקורענץ פרײַזען

## מכירת חמץ

אזוי ווי אלע יאהרען הערט מען אויך היי-יאהר
פערקויפען דאס חמץ דורך א בעוויסטען בעל הוראה
אצל מהו״ר ר׳ מנחם מענדל ווינגארט ז״ל האלבנה
הנסרא ר׳ מענדיל ברעזינער
לובלינער № 3

## בעקאנטמאכונג

בעקאנטמאכונג.

כשר! רעעל! | ביליג! גוט!

## ווײַן כשר לחג הפסח!

מײַן לאנג יעהריגער ווײַן-קעלער אין ראדאם, וואהל 5.
גלייך ווי יעדעס יאהר איז היינט אויך פערזעהן מיט אלע סארטען:
אינלענדישע, אויסלענדישע און כרמל-ווײַנען
ווי אויך אלע בעסטע ליקערען און שפירט
כשר לחג הפסח! | למהדרין מן המהדרין
צו ביליגע פרײַזען פון 1.50 אן
אריגינעלער עכטער אונגאר-ווײַן 4 זל. א פלאש.
קומט מאסענווייז, קויפט און איבערצייגט אייך
מיט אכטונג
## מיכל ווידמאן
ראדאם וואהל 5

## בעקאנטמאכונג

דערמיט האב איך די עהרע בעקאנט צו מאכען די ג׳ קונדשאפט
פון ראדאם און אומגעגענד, אז מיר האבען געעפענט
אין ראדאם דעם 30|3 אויף זשעראמסקי 25
## א שיך-געשעפט
וואס איז פערזעהן מיט אלע סארטען שיך
ווי מענער, דאמען און קינדער-שיך צו ביליגע פרײַזען
די בעסטע סחורה און די שענסטע פאסענער צום זומער-סעזאהן וועט
אונזער געשעפט זיין פערזעהן מיט פערשידענע זומער-זאכען
פון די בעסטע פירמעס
מיט אכטונג די פירמע
„RENOMA"
Radom Żeromskiego 25

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דאס יודישע פובליקום פון ראדאם
און אומגעגענד אז עס איז שוין דא צו בעקומען
אויף היינטיגען פסח, כשר'ע
## מאשינאווע מצות
צו קאנקורענץ פרײַזען —— גוטע, שיינע און רעעלע!
מיט'ן הכשר של הרב הגאון שמחה הערץ מהיפית אבד"ק רובנה.
כשר למהדרין מן המהדרין
## ראדאם, לובלינער 1
וארשעווער 2 —אין הויף—
בעמערקונג: מען קען אויך איינצאהלען א קאנטא און די מצות בעקו-
מען צום געפאדערטען טערמין פון ג. קליענט.
קומט און איבערצייגט אייך! —— קומט און איבערצייגט אייך!
געדענקט גענוי דעם אדרעס. לוב. 1, (וארש. 2 אין הויף.)

Ceny niskie | Ceny niskie

**DLACZEGO** wszyscy oddają swoją garderobę do prania lub farbowania tylko do FIRMY

## O. R. HEMPEL

Firma egzystuje od 1880 r.

Farbiarnia Parowa i Pralnia Chemiczna

FILJE: ul. Żeromskiego 1
ul. Żeromskiego 37 Tel. 1520.
ul, Staromiejska 2.

FABRYKA: ul. Staromiejska 7. (dawniej) 5. Tel.1521

**DLATEGO** że garderoba uprana lub ufarbowana w zakładach chemicznych O, R, Hempel wychodzi zawsze jak nowa

# מאסען מענשען רעגיסטרירן זיך אין דער „עזרה"

שוין א גאנצע וואך ווי ס'קומט פאר אין „עזרה" די רעגיסטראקציע פון נויטבעדערפטיגע אויף פסח. הונדערטער מענשען קומען זיך פארשרייבען און שטעהען אין געדיכטע רייהען אזש ביז'ן דרויסען ארויס.

לויט די ביז איצט פערהאנענע רשימה שטייגט שוין ביים היינטיגען טאג בעדייטענד איבער די צאהל פון בעפעלקערונג ווי פאראיאהרען.

ס'קומען אזעלכע, וואס האבען זיך קיינמאהל נישט געווענדעט נאך הילף צו דער „עזרה" פון בכבוד'ע הייזער קומען קליינע קינדער פערשרייבען זייערע שטוב-מענשען אין דער ליסטע וועלכע ווערט וואהרשיינליך געהאלטען דיסקרעט אז די דאזיגע מענשען זאלען נישט ווערען מפורסים.




# הויזען, דאלארען און 15 זל. סאטיספאקציע

פאראיאהרען איז אין דער צייטונג „עכא" געווען געדרוקט א סענסאציע וועגען א מעשה מיט הויזען און דאלארען. ס'איז דארט געווען בעשריבען א ראדאמער יודישער שניידער, וועלכער האט געוואלט מכל'מרשט האבען פערפיהרט א רעמאן מיט זיין געזעל'ס א ווייב, און אז דער ראמאן האט זיך אזוי לאנג געצויגען ביז איינמאהל האבען זיך די „ריוואלען" פערטוישט מיט די הויזען. דאס האט געזאלט געשעהן ווען דער געזעלען איז איינמאהל א היים נעקומען ביינאכט פון דער ארבייט און דער מייסטער איז גראד געווען ביי איהם צו גאסט. דעמאלס האט עס טאקע געזאלט פארקומען דאס „גרויסע געשעהעניש" ווען די הויזען האבען זיך פערטוישט. און ווען דער געזעלען האט דארט געפונען דאלארען איז דער סוד ארויס.

אין דער דאזיגער סענסאציאנעלער מעשה האט די „עכא" עפעס פערקאכט א קאשע מיט דעם היגען אנגעזעהענעם און דוקא סאלידען שניידער ה' יאסיל פרידמאן. ווען די „עכא" האט אומזיסט שווער בעליידיגט. ה' פרידמאן האט אנגעקלאגט דעם רעדאקטאר פון „עכא" סמאלארטשיק אין געריכט.

מיט עטליכע וואכען אין דער פראצעס פארגעקומען אין היגען קרייז-געריכט. דער פראצעס איז אפער אפ-געלעגט געווארען צוליב'ן ארויסרופען נייע עדות.

היינטיגע וואך איז דער פראצעס בעשטימט געווארען צום צווייטען מאל. די צדדים קומענדיג אין געריכט אריין האבען זיך פריהער דורכגעלייכט און דער רעדאקטאר סמאלארטשיק האט ערקלערט אז ער איז גרייט צו געבען דעם ה' פרידמאן א סאטיספאקציע דערפאר וואס ער האט איהם אומשולדיג בעליידיגט. ס'איז אלזא נעבליבען. אז קודם-כל איז ה' סמאלארטשיק זיך מתחייב אפצורופען די גאנצע מעשה אין זיך עפענטליך צו ענטשולדיגען פאר'ן ה' פרידמאן. דאס בדויך ער טון אין „עכא" און אויך אין די אנדערע ראדאמער צייטונגען צום סוף אלס צייכען פון בערויערען זאל ער געבען 15 זל. פאר „עזרה". דאס לעצטע האט ה סמאלארטשיק באלד מקיים געווען און אויך דאס איבריגע פערזיכערט אויסצופיהרען.

דאס דאזיגע עהרען-געריכט איז ער-לעדיגט געווארען אין ווארטע-זאהל פון געריכט, נאך איידער דער „וואזשני" האט אויסגערופען די צדדים אריינצו-געהן אויפ'ן פראצעס, וועלכער איז שוין דערנאך נישט פארגעקומען.

◎◎◎◎

# פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם.

קאמוניקאט.

די פאראכטאדיגע פערזאמלונג געווידמעט דער העברעאישער בעוועגונג אין דער „סלע"-אקציע איז אדורך זעהר געלונגען און ערפאלגרייך. ביי א פיעל גפאקטען זאל פון יוגענד און פאדשטע-חער פון אלע נאציאנאלע גרופען אין דער שטאדט עפענט די פערזאמלונג אין העברעאיש ה' משה לוקסענבערג וועלכער ערקלערט די גרונד-שטרי-כען און ציעלען פון דער העברעאישער באוועגונג ס'האלטען אויך רעדעס חברים פראפ. קארמאן און ביעלאבראוו פון ווארשא ווי אויך הבר קארץ און רופען קודם כל צו א ערפאלגרייכער אקציע פאר דער פערשפרייטונג פון „סלע" און צוצוטרעטען ענערגיש צום שאפען אין ראדאם א העברעאישע סביבה וואס זאל זיך שטיצען אויף א שול-אנשטאלט די פערזאמלונג איז געשלאסען געווארן ביי א געהויבענער שטימונג מיטן גע-זאנג פון „התקוה".

שפעטער אין דאס „סלע" מאטעריאל פערשפרייט געווארען צווישען די פאר-שטעהער פון די פערשידענע ארגאני-זאציעס און לויט די ערשטע בעריכטען פון די „סלעים" פערקויפער קען מען האפען אויף א ערפאלגרייכען שלוס פון דער אקציע.

◎◎◎◎

די פאפולערע און איבעראל-אנערקענטע
פאראווע פארבעריי און כעמישע פאבריק
י. ציכנער
נעמט אן צו פארבען און צו פוצען אויף א כעמישען אופן
מענער און דאמען גארדעראבעס, ווי אויך גארנימורען
קאסטיומען, פאלטענס, קליידער, בלוזקעס,
און אלערליי פוטערווארג
דאס אלעס ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך סאליד און ביי צוגענגליכע פרייזען.
בכדי צו פערלייכטערן די קליענטעלע האט די פירמע י. ציכנער, ספעציעל געעפענט א פיליע אויף וושעראמסקי 47 (לובלינער גאבען סינא „יאוועטשארי") וואו עס ווערען אנגענומען אלעארט בעשטעלונגען פאר דער דערמאנטער פארבעריי און פראלניא.
י. ציכנער — ראדאם —
שפאציר גאס 21

KOKS do GENARATORÓW
drobny i gruby
Instalacje domowe i kuchenne
Piecy kąpielowe i piekierniki
po cenach przystępnych
Informacje w GAZOWNI MIEJSKIEJ
MŁODZIANOW tel. 1134 skrz. poczt. 28

# אלע ראדאמער יודען וועלען אבצאהלען פאר מצות מעשר 10 גר. פון א קילא.

דער מצה-קאמיטעט, וואס האט זיך געגרינדעט ביי דער נמינע, האט היינ-טיגע וואך ארויסגעלאזט א אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם.

אין אויפרוף ווערען אלע אויפגעפא-דערט אבצוצאהלען 10 גר. פון יעדען קילא מצות, דער אבצאהל טראגט דעם כאראקטער פון א מין מעשר, וועלכער איז בעשטימט פאר דער פסח אקציע וועלכע דארף לויט דער גרויסער צאהל נויט בעדערפטיגע היי-יאהר מעהר חי פערדאפעלט ווערען, אויפ'ן אויפרוף איז אונטערגעשריבען דער קאמיטעט און דער ראבינאט.

ס'איז צו האפען, אז קיינער וועט נישט וועלען זיין קיין פורש מן הצבור און קיין שום יוד וועט געוויס נישט פריהער נהנה זיין פון כזית מצה איי-דער ער וועט נישט האבען אבגעצאהלט דעם קליינעם שטייער פאר אזא וויכ-טיגען צוועק.

ס'איז נאר בעדויערנסווערטה וואס דער אויפרוף איז א ביסעל שפעט ארויסגעגעבען געווארען. אבער ס'איז צו גלויבען אז אלע סיי ארים און רייך וואס האבען שוין געקויפט מצות, און די וואס וועלען ערשט קויפען — אז זיי וועלען אקעגענטראגען דעם אבצאל בסבר פנים יפית ווימענדיג אז דאס וועט ערמעגליכען פיעל הונדערטער בכבוד'ע פאמיליעס צומאכען פסח.

חמץ פערקויפען
קאן מען ביי הרב ישעי' זלאטניק
טראוגוטא 51 (פריהער דלוגא 18)

צערעס כשר לפסח שוין פריש צו ערהאלטען אין אלע געשעפטען!
Ceres
בערעס 100%-גער קאקאס-פעטס ווערט אויסגעארבייט אונטער דער שטרענגער השגחה
פון הרב ר' שמחה פרענקעל פון סקאווינא און קען עמפפעהלט ווערען אפילו למהדרין-מן המהדרין

# קעלצער אבטיילונג.

## [illegible]גרינדעט א אבשפאר=אין=איבערוואנדערונג'ס= קאאפעראטיוו „מעביר=מנחיל“

פע־נאנטענעם דאנערשטאג 8 א זייגער אוונט איז אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פארגעקומען די גרינדונגס-זיצונג פון דעם אבשפאר אין איבערוואנדערונג'ס - קאאפעראטיוו „מעביר-מנחיל“.

דער ספעציעל דעלעגירטער פון רעוויזיאניסטישען צענטראל קאמיטעט ה' יואל ביעלאבראוו פון ווארשא, איז אויף דער פערזאמלונג אויפגעטרעטען מיט א לענגערען רעפעראט וועגען די ציעלען און אויפגאבען פון דער קאאפעראטיוו. נאכ'ן רעפעראט איז ענטשטאנען א ברייטע דיסקוסיע אין וועלכע ס'האבען אנטייל גענומען מעהרערע פערזאמעלטע.

דער גאסט האט אויך אויף די געשעפטלטע פראגען געגעבען קלארע און אויספיהרליכע אנטווארטען, וועלכע זענען אייסגעהערט געווארען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

צום סוף איז געוועהלט געווארען א צייטווייליגער קאמיטעט, דארונטער מיט פארשטעהער פון כמעט אלע ציוניסטישע גרופירונגען, אין בעשטאנד פון פאלגענדע פערזאנען: פרוי טרליך, פר"ל חנה ראזענבערג, ווי אויך די ה"ה ד"ר יעקב שאק, לאווניק משה ראטענבערג, מרדכי דזיאלאווסקי, דוד טענענבוים, ל. קאפף ישראל אלטער, ו. גוטמאן און שמאי קאמינער.

דער קאמיטעט וועט זיך דערווייל צוו. אנר. באשעפטיגען מיט זאמלען דעקלאראציעס און ווערבירען נייע מיטגלידער פאר'ן קאאפעראטיוו.

* * *

צומארגענס אין אווענד, איז פארגעקומען די גרינדונג'ס פערזאמלונג פון ברית-הצה"ר. מיט א רעפעראט וועגען די לאגע אין ציוניזם איז ארויסגעטרעטען ה' ביעלאבראוו.

דירעקטאר דאסמאן ראזענבערג האט ווארים בעגריסט די ענטשטעהונג פון ברית-הצה"ר און האט זיך אייך געשטעלט אין דער שפיץ פון דעם פראוויזארישען קאמיטעט, וועלכער איז אויסגעוועהלט געווארען אויף דער פערזאמלונג.

## מערדער וואס ווערען זייט 10 יאהר געזוכט

סוף זומער פון פערגאנגענעם יאהר האט זיך אין קעלצער קרייז-געריכט געפיהרט א סענסאציאנעלער פראצעס, וועגען וועלכער ס'איז זיינער צייט פיעל גערעדט געווארען, נעמליך: וועגען דעם געהיימניספולען מארד. וועלכער איז אויסגעפיהרט געווארען דורך אומבעקאנטע מערדער מיט 10 יאהר צוריק איבער דער קעלצער אקושערין שיעמיוניקאווא.

דער טוידטער קערפער פון דער ערמארדעטער איז שפעטער געפינען געווארען אין א גרוב מיט וואסער. דער קערפער איז געוועזען געבונדען מיט שטריק און געלעגען אין א זאק.

די פאליציי האט אנגעהייבען ענערגיש צו זוכען די מערדער אבער צו קיין פאזיטיווע רעזולטאטען האט עס נישט געבראכט.

מיט א צייט שפעטער, נאכ'ן גרויזאמען מארד, איז געפאלען א חשד אויף א געוויסען קיעלצער איינוואהנער, אנדריקיעוויטש, וועלכער איז אבער בעפרייט געווארען דורכ'ן געריכט אויס מאנגעל און קאנקרעטע בעווייזען.

די פאליציי איז נישט אבגעשטאנען פון איהר ארבייט און כסדר געזוכט מערדער, אבער טראץ די מיהפולע ארבייט, וועלכע האט געדויערט עטליכע יאהר נאכאנאנד. איז נישט געלונגען צו קומען אויף די שפורען פון די מערדער און די זאך האט שוין געהאלטען ביי פערגעסען ווערען.

פלוצים אין אקטאבער פון פערגאנגענעם יאהר איז ארעסטירט געווארען דער קעלצער איינוואהנער מארטין קורעק. דער לעצטער איז בעשולדיגט געהארען אין ערמארדען די אקושערין שיעמיוניקאווא. די פאליציי איז אויך געלונגען פעסטצושטעלען, אז די אויבענדערמאנטע פרוי האט א לענגערע צייט געוואוינט ביים קורעק'ן אלס סובלאקאטאר. דער בעשולדיגטער איז גלייך געשטעלט געווארען פאר'ן געריכט אין קעלץ, און איז פערמשפט געווארען אויף 15 יאהר שווערער תפיסה.

דער פער'משפט'ער האט אפעלירט. דער העכסט-סענסאציאנעלער פראצעס איז פאריגע וואך בעטראכט געווארען אין אפעלאציאנס-געריכט אין לובלין, און אט איז די טעג געקומען נאך קעלץ די סענסאציאנעלע ידיעה, אז דאס געריכט האט קורעק'ן בעפרייט.

איז אזוי ווייטער דער מארד געבליבען איינגעהילט אין א געהיימניספולען שלייער.

■■■■■■■

## פון קעלצער סיימיק.

פארינען דינסטאג איז פארגעקומען א זיצונג פון ארטיגען סיימיק געווידמעט די בודזשעט פראגען. נאכ'ן עפענונג פון דער זיצונג האט דער קעלצער סטאראסטא ה' פארעבאלסקי געווידמעט הייסע ווערטער דעם אנדענק פון ערשט-פערשטארבענעם ביסקופ דר. באנדורסקי.

שפעטער האט ער פארגעשטעלט די פערזאמעלטע דעם פינאנסיעלען מצב פון פאוויאט, וועלכער איז צוליב דער געפיהרטע ווירטשאפט, אין די לעצטע יאהרען אזוי קריטיש, נעמליך: צוליב די גרויסע בוי-אינטערנעמונג פערמאגט דער קעלצער סיימיק, נישט געדעקטע חובות לאנג און קורץ טערמיניגע, אויף א סומע פון 3 מיליאן זלאטעס. און די סיטואציע האט געמוזט רערפיהרען אז דער סיימיק זאל רעדוצירען די ביז איצטיגע הוצאות אויף איבריגע אינוועסטירונגען, בכדי די לאגע זאל זיך נישט פערערגערען. און אזוי אויך דארף דער בודזשעט פון דעם יאהר אין פערגלייך מיט'ן פערגאנגענעם יאר רעדוצירט ווערען אויף 55 פראצענט ד. ה. פון דער סומע 1.780.000 זל. —בעגרעניצט ביז 800.000 זל.

אויפ'ן פארשלאג פון א רייה מיטגלידער פון דער בודזשעט-קאמיסיע איז דער בודזשעט אהן דיסקוסיעס אנגענומען און בעשטעטיגט געווארען.

די פערזאמלונג האט אויך איבערגעשיקט א ביטע אין דער סטאראסטווא, אז אויף ווייטער זאל אויך דער קעלצער סטאראסטא זיך פעראינטערעסירען מיט די פינאנסען פונ'ם סיימיק.

◎◎◎◎

**וועקסלען = אינקאסא אויף לעמבערג**

ערלעדיגט שנעל און פונקטליך רעכענדיג פון שטיק 25 גר.

**Lwowskie T-wo Kredytowe**
**LWÓW Legjonów 33**

די איינקאסירטע סומע פון די וועקסלען שיקען מיר איבער אין טאג פון איינפלוסען מיט איבערגיסונג אדער זשירא פון באנק פאלסקי.

# הייסער אויפרוף

## צו די ראדאמער יודישע בעפעלקערונג

### כל דכפין ייתי ויכול!

ס'דערנעהנטערט זיך דער יום-טוב פסח, דער סימבאל פון פרייהייט, זמן חרותנו.

אויבוואל די אלגעמיינע לאגע איז היינט זעהר שלעכט, ווען די גאנצע וועלט און בפרט די יודען לעבען איבער א שרעקליכען קריזיס און ס'איז נישט דא קיין מעגליכקייט צו העלפען אונזערע טויזענדער ארימע ברידער אין אונזער שטאדט, וועלכע האבען איבערגעלעבט אזא מורא'דיגען ווינטער און וועלכע האבען נישט קיין ברויט פאר זייערע פרויען און קינדער.

יעדאך איז נישט דא דער מינדעסטער ספק, אז עס מוז היינט דורכגעפיהרט ווערען אנ'אלגעמיינע זאמעל אקציע אהן שום אויסנאם פון שיכט און קלאס, וועלכע מוזען זיך טיילען מיטן ביסען פון מויל מיט אונזערע ארימסטע ברידער און שוועסטערן.

מיר טארען נישט לאזען אויסגעהן אונזערע ברידער און שוועסטער פון הונגער און נויט אין דעם גרויסען און הייליגען יום-טוב פסח!

אין נאמען פון אונזער הייליגע תורה ווענדען מיר זיך צו אייך מיט א הייסען אפעל, אז יעדער איינציגע יודישע פאמיליע, וועלכע וועט קויפען פאר זיך מצות אויף פסח, מוז געבען א שפענדונג לכל הפחות 10 גראשען פון א קילא מצה. די שפענדונג דארף איבערגעגעבען ווערען דעם ניי-געשאפענעם הילפס-קאמיטעט פאר די מצה-אקציע, כדי דערמיט צו לינדערן די נויט פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע געפינען זיך אין א קאטאסטראפאלע לאגע.

מיר האפען, אז יעדער איינציגער יוד וועט ערפילען זיין מאראלישען פליכט און וועט זיך פון דעם נישט אבזאגען, כדי נישט צו זיין חלילה קיין פורש מן הצבור. מען מוז געדענקען, אז יעדער וואס איז א משתתף בצער הציבור איז זוכה ורואה בשמחתה. און בזכות זה וועלען מיר זוכה זיין לחג כשר ושמח ולישועה כללית בכל טוב סלה.

| ראבינאט. | האדמו"רים |
|---|---|
| הרב יחיאל הלוי קעסטענבערג דק"ק ראדום | אליעזר אלימלך רוקח |
| הרב חיים מנחם מענדל הלוי קעסטנבערג | יוסף אליעזר ראבינאוויץ |
| הרב שמואל טייטעלבוים | יעקב ירחמיאל טויב |
| הרב יחיאל זאב בלאשטיין | משה אליקום בריאה פרימער |

### דער צייטווייליגער הילפ'ס-קאמיטעט פאר ארימע יודען אין ראדאם.

| | |
|---|---|
| י. אדלער | דר. טאבענפעלד |
| ש. איידעלבוים | מ. יאנאווסקי |
| י. באקמאן | דר. לעווין |
| אינז. ל. בעקערמאן | דר. מינסקי |
| וואלף גאזבאנד | ש. מינצבערג |
| י. גאלדבערג | דר. פאמראק |
| דר. נאלדבלום | דר. ל. פאסטמאן |
| ב. גארפינקעל | מ. קאטלער |
| מ. דען | אדוו. ראפאלאוויץ |
| ב. האכמאן | מ. רובינשטיין |
| רעד. הערץ | מ. ראטענבערג |
| ח. א. ווינאכט | דר. שענדעראוויץ |

# אמעריקאנער דאלארען שוין אנגעקומען

די 500 דאלארען פון די ראדאמער לאנדסלייט, וועגען וועלכע מיר שרייבען פריהער, זענען שוין דערהאלטען געווארען. דאס געלד האבען ארויסגענומען די ה"ה משה רובינשטיין און בנימין האכמאן, וועלכע האבען גלייך אויסבצאהלט יעדען זיין אנגעוויזענעם טייל. אזוי האט דער בית-יתומים בעקומען 100 דאלאר, הנוך-ילדים 50 דאלאר און דער שניידער פעראיין 50 דאלאר. יעדער האט קוויטירט דאס געלד, וואס ער האט ערהאלטען.

# אנולירט די קהלה-וואהלען און בעשטעטיגט די היינטיגע גמינע

פון אפיציעלע קוועלען דערוויסען מיר זיך, אז די קהלה וואהלען, וועלכע ז'זנען פארגעקומע פאראיאהרען זענען אנולירט געווארען און וועלען איבערגעהן נאך אמאהל. גלייכצייטיג איז בעשטעטיגט געווארען די פרעזעסור-וואהלען פון די ה"ה ל. פרידמאן און ב. האכמאן, וועלכע זענען פארגעקומען דעם 17 שערפען 1930. די דערמאנטע פרעזעסען צוזאמען מיט דער היינטיגער פערוואלטונג וועלען אמטירען ביז די נייע וואהלען און זענען אויך בערופען צו שאפען א וואהל-קאמיסיע ביז'ן 21 קוויעטשען ה. י.

אויספיהרליך וועלען מיר בעריכטען אין קומענדיגען נומער.

מביעים אנחנו בזה רגשי אבל והשתתפות בצערו
של סגן נשיאנו המועצה
משה יעקב פרידמאן ומשפחתו
במות עליהם
בתם עטעל נ. ע.
בעבודתו הצבורית ימצא נחומים.
המקום ינחם אתכם
מועצה, שלטון והמשרד
של קופת הקופרטיבית (בנק הציוני) בראדום
Rada, Zarząd i personel
Kasy Spółdz. Kred.



די נייעסטע און שענסטע
„טאפעטען"
אויף צימער-טאפעטירונג
בעדייטענד ביליג
פער-קויפט ש. שטיינמאי
ראדאם, לובלינער № 21
ביטע זיך צו ערקינדיגען

Kino dźwiękowe
„CZARY"
RADOM
ul. Żeromskiego 47

— — עס ווערט דעמאנסטרירט דאס בילד — —
א. נ.
PUSZCZA
w rolach głównych:
Nina Grudzinska i Jerzy Marr

א טיכטיגער און אנשטענדיגער פונגערמאן
איז נויטיג אין רעדאקציע „ראדאמער-קעלצער לעבען"
באלד געצאהלט.

Redaktor i Wydawca CH M Herc

Radomer Kielcer-Leben Radom Szwarlikowska 20